# אינטערעסאנטע נייעס פון דער אידישע

פון הרב א. ב. שורין

## א תורה שיעור וואס איז געווארן א יערליכע אינסטיטוציע

לעצטען זונטאג האט דער גאון און געלערנטער, הרב דר. יוסף בער סאלאווייטשיק, געזאגט זיין יערליכען שיעור פון „הלכה און אגדה" אין אנדענק פון זיין פאטער, דעם גאון רבי משה סאלאווייטשיק, נ"ע, געוועזענעם ראש הישיבה פון ישיבת ר' יצחק אלחנן.

דער גרויסער בית מדרש פון ישיבה איז האי יאר, מער ווי אלע יאר, געווען איבערפולט מיט א טויזענט קעפיגען עולם, וועלכער איז געקומען פון אלע טיילען פון שטאט הערען זיין שיעור, וואס איז שוין געווארען, פאר די לעצטע פופצען יאר, א יערליכע תורה־אינסטיטוציע, א סארט „מתיבתא דיומא".

ס'איז געווען א הערליך בילד צו זעהן ווי דער ריזיגער עולם, וואס איז באשטאנען פון רבנים, ראשי ישיבה, ישיבה בחורים פון אלע ישיבות, און בעלי בתים לומדים, זיינען געזעסען און האבען געהערט געשפאנט דעם גלענצענדען שיעור פון דעם וועלט־בארימטען ראש־הישיבה, ר' יאשע בער, וואס האט געדויערט מער ווי פינף שעה. אט דער שיעור זיינער איז דער געשפרעך פון טאג אין דער היגער תורה־וועלט. ניט נאר רעדען וועגען אט דעם שיעור די וואס זיינען דארט געווען אנוועזענד, נאר אפילו די בני תורה, וועלכע זיינען דארט ניט געווען, זיינען יעדעס מאל פאראינטערעסירט צו הערען וואס הרב סאלאווייטשיק האט מחדש געווען.

אויף ווי וויט ס'איז גרויס דער אינטערעס אין זיין שיעור קען דינען דער פאקט, וואס א גרויסער טייל פון עולם איז געזעסען און פארצייכענט כאטש די „ראשי פרקים" פון די חידושים, וואס הרב סאלאווייטשיק האט ארויסגעבראכט. איך האב אויך באמערקט, אז איינגע תלמידים זיינען געזעסען מיט דריי רעקארדינג־מאשינען און האבען רעקארדירט יעדעןווארט פון שיעור. אין אלגעמיין האט דער עולם געשלונגען זיינע ווערטער ניט שפירענדיג אפילו, אז דער זייגער האט שוין געוויזען צוואנציג מינוט נאך 12, אין מיטען נאכט, ווען ער האט זיין שיעור געענדיגט. אנגעפאנגען האט ער פינקטליך זיבען אזייגער. דער שיעור איז געווען גאוניש געפלאכטען פון הלכה, אגדה, אידישער פילאזאפיע און קבלה. די נייעס פון היינטיגען יאר איז געווען, וואס דער אגדה טייל פון זיין שיעור איז געווען פיל באזירט אויף קבלה'דיגע יסודות און געדאנקען.

ס'איז אוממעגליך איבערצוגעבען אין א צייטונגס־ארטיקעל אפילו א' טייל פון זיין אגדה־שיעור צוליב דער אומבאקאנטער פאר'ן ברייטערען עולם קבלה'שער טערמינאלאגיע, וואס ער האט באנוצט אין זיין ריידען.

איך וועל דאך פרובירען איבערגעבען כאטש א ברעקעל פון זיין אגדה־שיעור. ער האט געזאגט: יהדות, אידענטום, האט אנטוויקעלט א מערקווירדיגע אנשויאונג (השקפה) אין דער וועלט פון גייסט און געדאנק. אין קבלה איז פאראן א טערמין, וועלכער רופט זיך „דוכרא ונוקבא" (זכר ונקבה), וואס מיינט אז אין דער וועלט פון גייסט, ווי אין דער וועלט פון לעבען אין אלגעמיין, איז פאראן א משפיע און מושפע, דאס הייסט א געבער און א נעמער. די גרעסטע גאונים און געלערנטע, ווען זיי לערנען מיט תלמידים, זיינען ניט די תלמידים שטענדיג בלויז די נעמער, די געניסער, און די גאונים און געלערנטע — די געבער. ניין, ס'איז ניט אזוי. אין אלע פאלען אין דער תלמיד גלייכצייטיג אויך א געבער, א משפיע, וואס באריייכערט דעם געדאנק פון זיין לערער. ווען א באגאבטער תלמיד אין דער ישיבה, צי א פעהיגער סטודענט אין אוניווערסיטעט, פרעגט עפעס וויכטיגעס זיין רבי'ן, אדער פראפעסאר, באפרוכפערט ער דעם געדאנק פון זיין רבי'ן און פראפעסאר. און אזוי ארום איז דער תלמיד דער „דוכרא", דער משפיע, דער געבער, און דער רבי איז גאר דער „נוקבא", דער געניסער און מושפע. דער תלמיד איז דעמאלט דאס וואסער, וואס מאכט וואקסען די געוויקסען.

דאס באווייזט גלייכצייטיג, אז דער רבי דארף דעם תלמיד ווי דער תלמיד דארף דעם רבי'ן.

אויך אין דער געטליכקייט, האט הרב סאלאווייטשיק געזאגט, זיינען פאראן די ביידע כוחות, וואס די חכמי הקבלה האבען באצייכענט מיט'ן טערמין פון „דוכרא ונוקבא". אין חומש איז געשריבען „ויברא אלקים את האדם בצלמו, בצלם אלקים ברא אותו, זכר ונקבה ברא אותם", וואס מיינט, אז דער „צלם אלקים", די געטליכע געשטאלט, לויט דער קבלה, שטעלט פאר מיט זיך די כוחות פון זכר און נקבה, פון א משפיע און א מושפע, פון א געבער און א נעמער. גאט, וועלכער האט באשאפען די וועלט און וואס איז א „כל יכול", האט הרב סאלאווייטשיק געזאגט, דארף דאך אין א געוויסען סעקטאר אנקומען אין דעם מענשען, אין דעם אידען. צו וואס דארף גאט אנקומען אין מענשען? — אויף דעם האט הרב סאלאווייטשיק געגעבען אן אילוסטראציע. מיר וועלען עס איבערגעבען אין קורצען. דער מדרש זאגט, אז ווען דער בית המקדש איז חרוב געווארען האט גאט אליין געוויינט און געיאמערט אויפ'ן גרויסען חורבן. ווען ער איז געווען א קינד האט הרב סאלאווייטשיק געפרעגט זיין רבי'ן: צו־וואס דארף גאט וויינען אויפ'ן חורבן פון בית המקדש? ער קען דאך אלץ. נו, טא זאל ער אים צוריק אויפבויען. דער רבי זיינער האט אים דעמאלט א תירוץ געגעבען, אבער ער האט אים ניט פארשטאנען, ווייל ער איז צו יונג געווען. שפעטער ווען ער איז עלטער געווארען האט ער געפינען אן ענטפער אויף זיין פראגע אין דער „קבלה". ווען די שכינה איז געבונדען אין קייטען, לויט דער קבלה, האט הרב סאלאווייטשיק געזאגט, קען זי זיך אליין ניט באפרייען. זי דארף אנקומען צו אידען, אז זיי זאלען איר באפרייען פון אירע קייטען. אין דער קבלה־שפראך וועט דאס הייסען, אז עס קען ניט זיין קיין „אתערותא דלעילא" אהן אן „אתערותא דלתתא".

אין דעם בונד, וואס גאט האט געשלאסען מיט אידען זיינען זיי גלייכע שותפים, און אין דער אנטפלעקונג פון דער געטליכקייט מוז גאט אנקומען צו אידען. גאט האט געוויינט אויפ'ן חורבן פון בית המקדש און גלות השכינה, כדי די כנסת ישראל, דאס אידישע פאלק, זאל קומען און באפרייען די שכינה פון אירע קייטען. לויט דעם קבלה־טערמין וועט אויסקומען, אז אין דעם סעקטאר פון באפרייען די ש כ י נ ה — איז ג א ט גאר דער „נ ו ק ב א", דער נעמער, און אידען זיינען די „דוכרא", די געבער. דאס איז ווירקליך פאראדאקסאל, האב הרב סאלאווייטשיק באמערקט. אבער אזוי זאגט די „קבלה" און פאראן ראיות אויף דעם אויך אין „נגלה". ווען די שכינה איז איינגעהילט אין דיקע פינסטערע וואלקענס, דאן דארף קומען די ליכטיגקייט פון אונטען, פון דעם אידישן פאלק, און אים אטפלעקען.

---

פרייטיק, יאנואר 20, 1956